ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
## ספר
# מעשה צדיקים

אידיש

**147**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

ספר

# מעשה צדיקים

וואונדערליכע מעשיות פון הייליגע צדיקים וקדושים פון דעם הייליגן בעל שם טוב ז"ל אין פון דעם רבי רבי. ברוך ז"ל אין פון דעם רבי רבי מלך ז"ל אין פון דעם ליזענסקער ז"ל: אי פון דעם רבי רבי משה לייב סאסובער ז"ל. אי פון דם רבי רבי פנחס קאריצער ז"ל: זכותם יגן עלינו אמ

טשערנוויץ

ב"ה

# מעשה נפלא מהבעש"ט זללה"ה .

אין מעזיבז ווי דר היילוגר בעש"ט איז גוועזן דארטן גוועזן איין גרויסר תלמוד חכם וואס ער איז געזעסן יום ולילה אונ האט געלערנט . ער איז אבר זייער ארום גיוועזן ער האט זיך בענוגט גלאזט פון דעם וואס מענשן האבן זיך מרחם געווען אוף אים . פון דעם האט ער זיך מפרנס געוועזן מיט דעם גאנצן בני בית . זיין ווייב איז געווען איין גרויסע צדקת זי האט אים קיין מאל נישט גזאגט ער זאל געבן פרנסה וויל זי האט ניט געוואלט אים מבטל זיין פון תורה לערנען . די קינדר זענן דר וואקסן געווארן איז דעם ווייב געקומען אונ האט אים גזאגט אמת אז מיר לעבן אונגרויס בטחון אז זיין היילוגר נאמן וועט אונז העלפן וואס איז צו טון אז די קינדר זענן שון זייער גרויס אונ די טאכטר מיז מען חתונה מאכן עס איז נישט שיין צו לאזן אום גיין טאכטר אונ די יאהרי : אזו זאגט צו איר דר מאן נו וואס קאן איך טון דאצוא : אז זיין היילוגר נאמן האט נאך נישט געשוקט די הילף . זי זאגט צו אום פאלג מיך נאר מיין מאן עס איז דא אין שטאט דר היילוגר בעש"ט ז"ל פול מענשן זענן דורך אום געהאלפן געווארן די זעהסט פון דר גאנצר וועלט מאכט מען הוצאות אונ מען פארט צום בעש"ט ז"ל : נו אז מיר זענן אונ איין שטאט פר וואס זאלסטו ניט גיין צו אום לייג אוועק דיין התנגדות אונ בייג דיך צו אום צו וועסטע אוך געהאלפן ווערן :

דר תלמוד חכם האטשע ער איז געווען א מתנגד אונ ער האט נישט גיגלייבט אן דעם בעש"ט ז"ל וואס האט ער גיקענט טוהן: זיין ווייב האט אום נישט נאך גלאזט אונ די נאטה האט אום געבראכט ער איז אריין געגאנגען צום בעש"ט ז"ל אונ ער האט אום דר ציילט פון זיין גרויס דחקות אונ גרוס עניות גם אז די קינדר זענען שון דרוואקסן ער דארף זיי חתונה צו מאכן אונ ער האט נישט קיין פרוטה אחת.

דר בעש"ט ז"ל זאגט צו אום פאהר קיין קאזמיר דארטן זאלסטע פרעגן אוף איין בעל מלאכה אונ ער האט אוהם גזאגט זיין נאמן אונ זיין פאטרס נאמן גם נאך אנדרע ציייכן כדי ער זאל קענן אפפרעגן צו אוהם אונ אז ער

# מעשה צד קים

זאל גאנץ גוט פרשטין אום וועט ער האבן איין רפואה צו אלעם וואס ער דארף דר תלמוד חכם הט אוף זיך מקבל געוועזן דעם טורך הדרך ער זאל אוועק ווי דר בעש"ט הט אום געהייסן אונ ער הט ניט גהאט קיין געלד אוף הוצאות אזו איז ער גגאנגן צו פוס פון שטאט צו שטאט ביז ער איז גקומן אונ דר שטאט אריין וואס דר בעש"ט ז"ל הט געהייסן :

דר שטייגר פון איין ארוכמאן איז אז ער קומט אונ איין שטאט אריין גייט ער גלייך אונ בית המדרש אריין ער זאל זיך דארטן אפ רוהן פון דר גרויסר מוה וואס ער הט זיך אן גארבט אוף דעם וועג · דר ארוכמן איז גקומן אונ בית המדרש אריין איז געוועזן זייער פול מענשן הט ער תיכף אן גהויבן צו פרעגן אוף דעם בעל מלאכה וואס דר בעש"ט הט אום געהייסן : אזו הט קיינר ניט גוויסט זיי האבן אוהם גזאגט עס איז אונ שטאט ניט דא אזו איינר וואס ער הייסט אזו ווי די פרעגסט נאך אוף אום מיר ווייסן ניט פון אזוי בעל מלאכה אזו הט דר תלמיד חכם גזופצט אוף זיינע גרוסע צרות אונ פון וועגן די גרוסע מוה וואס ער הט גהאט דעם וועג · אונ ער איז גקומן אונ איין אנדר בית המדרש אריין פרעגן אוף אוהם הט אום קיינר ניט גוויסט צו ענפרן נאר עס איז דארטן געוועזן זקנים האבן זיי אום גרופן אונ האבן אוהם אוס גפרעגט אלע סימנים אזו האבן זייא אום גזאגט ליבר פריינד וואס פרעגט איר אוף אוהם דר רשע איז שון זעבצוג יאר גשטארבן · זיי האבן אום דר ציילט אז עס איז אמת דר מענש הט גוואוינט אונ דר שטאט נאר ער איז געוועזן ארשע אמסור אונ ער הט ניט גלאזט איין עבירה וואס ער האט ניט עובר געוועזן אונ עס איז שון זעבצוג יאר אז ער איז גשטארבן אונ די גאנצע שטאט הט זיך גפרייט ווען ער איז מת געווארן · וואס טוג ער אייך וואס פרעגט איר אוף אים · ווי דר תלמיד חכם הט דאס געהערט איז ער גגאנגן צו זקנים פרעגן האבן זייא אלע אום גזאגט אז ער איז געוועזן ארשע אונ ער איז שון מער מיט פון זעבצוג יאהר :

דר נאך איז דר תלמיד חכם אוועק גגאנגן מיט גרוס שברון לב אונ ער

# מעשה צדיקים

הט אָנגהויבן צו גיין צוריק אהיים אָן איין ישועה מיט גרוס צער אונ צרות
פון דעם וועג ביז ער איז גקומן קיין מעזיביז מוהט אונ שלאַף פון דעם וועג
אונ יצר איז גגאנגן צום בעש״ט ז״ל ער זאל וויסן די כוונה וואס ער הט
גמיינט מיט דר נסיעה. ער הט אום דרציילט אלדינג וואס עס איז מיט
אודג ג גוועזן אז ער איז גוועזן אונ שטאט וואס ער הט אום גשוקט אונ ער
הט נאך גפרעגט אונ יעדר הט אום גזאגט אז דר איז שון זעבצוג יאר טוט
אונ ער איז גוועזן איין רשע מפורסם אמסור וואס ער הט ניט גלאזט איין
עבי ירה וואס ער הט ניט עובר גוועזן:

ע נפרט דר בעש״ט ז״ל די ביסט דיך באמת איין רא שמים אתלמיד
חכו ם אונ גלייבסט אונ דר גמרא אונ אָן אלע הייליגע חכמים וואס האבען
גש רובן פון גלגולים ווי דר מענש ווערט מגולגל כדי ער זאל מתקן זיין
וואס ער הט פוגם גוועזן. ער מי מקבל זיין יסורים ער זאל אפ קומן פאר
די הטאים. דר תלמיד חכם ענפרט איך גלייב די אלע זאכן באמונה. דר
היי לגר בעש״ט ז״ל זאגט אזו זאלסטע וויסן אז די ביסט דר זעלבר פון דר
שמ ואט וואס פר זעבצוג יאר האסטע עובר גוועזן כל עבירות שבתורה
גיכ זסירת כמה מסירות. אצונד פרעג איך דיך ווילסטע נאך עס זאל דיר
גימ ז גיין עושר וכבוד מיט אלעם גוטן הלוואי די זאלסט מתקן זיין וואס די
הא הסט פוגם גוועזן אונ יענום גלגול. ההוואי די יסורים מיט עניות וואס די
ליי דסט זאל זיין איין אפ קומוניש פר די גרופע חטאים פון דעם גלגול:
ג וי דר הלמיר חכם האט דס דר הערט איז ער זייער דר שראקן
גוו ארן ער האט גוויינט פר דעם הייליגן בעש״ט ז״ל ער זאל אים געבן
אר ניקין אוף דם וואס ער הט פוגם גוועזן. אונ ער הט זיך איין גקנופט
אין די הייליגע הורה אונ ער הט גדאווינט גילערינט מיט גרוס התמדה
אונ ; מיט גרוס שקידה אונ ער איז גוואָרן פון די גרוסע תלמידים פון
דע ם הייליגען בעש״ט ז״ל:

נ פון דר וואונדרליכע מעשה זאל זיך יעדר ארוס נעמן איין מוסר ער זאל
גיג ט זארגין אונ מתרעם זיין אוף זיין מול ווי אזו עס גייט אים ער זאל

שווייגן

# מעשה צדיקים

שווייגן אונ זאל בעטין פון זיין הייליגען נאמן עס זאל אים זיין אתיקון צו אלע זיינע חטאים. אונ ער זאל זיך פערזיכרן אן הש"י אז עס וועט אים בוודאי העלפון. הש"י זאל אונז העלפן מיר זאלן קאנגען פערעכטן אלע חטאים אונ פגמים אונ מיר זאלן געהאלפון ווערן במהרה בימינו אמן:

מיר האבן געהערט אמעשה וואס עס איז געשעהן אונ די צייטן פון דעם האר"י הקדוש ז"ל ער איז גוועזן ביי איין סעודת מצוה וואס עס הט חתונה געהאט איין גרוסר תלמיד חכם איין גרוסר ירא שמים דר יונגער מאן איז געוועזן קדוש וטהור מפורסם מיט זיין צדקות וחסידות אונ נאך דער חופה ביי דר סעודה וויא מען האט געגעסן האט דער חתן דער צדיק גנומן אשטוקל עוף צו עסון הט ער איינגשלינגן אביינדל פון דעם עוף אונ האלץ אריין אונ ער איז דר ווארגן געווארן אונ איז געשטארבן. דר גאנצר עולם האט זייער געוויינט געיאמרט אויף דער פאל וואס עס האט זיך געטראפן. דר ר"י הקדוש הט ניט געוויינט אונ נישט געטרויערט אונ ער הט נאך געוויזן איין פנים שוחקות. דר גאנצר עולם הט זיך זייער גווינדרט אונ האבן געפרעגט דעם ר"י הקדוש וואס ער ווייסט נאך אפנים שוחקות:

דר ר"י הקדוש ענפערט זיי עטיך וואלט וויסן אז דער יונגער מאן האט בוז דר רגע מתקן גוועזן זיין שורש נשמה פון אלע גלגולים וואס ער איז געוועזן. דר יונגר מאן איז נאך אין פרדודגן גלגול געוועזן איין גרוסר צדיק קדוש וטהור ער איז געוועזן מפורסם מיט גרויס צדקות ער האט מתקן געוועזן אלע פגמים פון זיין שרש נשמה. נאר דס וואס ער איז מגולגל געווארן אויפסניי איז געוועזן אובר אזאך ער איז איין מורה הוראה וואס ער הט גפסקית שאלות אונ איז געוועזן אגרוסר צדיק אונ אגרוסר ירא שמים. זיין צייט איז געוועזן איין נשמה וואס זי איז ארים געגאנגן אויף דעם עולם התהו אונ די נשמה האט קיין שום תיקון געהאט. בוז עס איז געקומן דר פסק דין פון דעם בית דין של מעלה ער זאל מגולגל ווערן אונ איין עוף טהור אונ ווען ער וועט האבן אזכייה אצדיק זאל עסין דאס עוף אודר אוף סעודת שבת קודש וועט דאס עוף פר נוצט ווערין אזו וועט די

נשמה

# מעשה צדיקים

נשמה האבן אתיקון, עס איז אזו געוועזן די נשמה איז אריין אונ אין עוף דס טוף האט גקויפט איין ירא שמים לכבוד שבת. עס איז באמת געוועזן אזכייה אז כמעט האט די נשמה גהאט אתיקון גדול. נאר אבר די דינסט האט גקאכט האט דר זעהן אז עס איז עפוס אשאלה אויף דעם עוף איז זי גגאנגן צו דעם קדוש דעם מורה הוראה פרעגן די שאלה צו דאס עוף איז כשר:

דר מורה הוראה האט זיך ניט גיט מיישב געוועזן אונ האט גיזאגט אויף דעם עוף טריפה חאטשו ער האט גיקאנט מכשיר זיין באמת אזו האט די עלענדע נשמה קיין תיקון נוט גהאט אונ זי איז צורוק גקומן אונ האט זיך אומפלאנקענט אויף דעם עולם התהו. די נשמה אבר איז גגאנגן פר דעם בית דין של מעלה אונ האט גשריגן אויף דעם קדוש. אז דר קדוש איז באמת שולדיג אונ דעם וואס זי האט קיין תיקון ניט. ווארן עס האט זיך שוין גטראפן אז איין ירא שמים האט גקויפט דס עוף לכבוד שבת אונ זיא איז באמת על פי דין תורה כשר געוועזן אזו איז דער תיקן פר די אונזן. נאר דר קדוש דר מורה הוראה האט קאליע גמאכט אובר דעם זאל מען מן השמים פסקנן קטנן דעם קדוש:

דארך דעם איז גקומן אפסק פון דעם בית דין של מעלה אז דר צדיק זאל נאך אמאל מגולגל ווערן כדי ער זאל מתקן זיין. די נשמה וואס זי וועט גם כן נאך אמאל מגולגל ווערן אונ אין עוף אריין. ווען ער וועט מתקן זיין די נשמה וועט ער שוין האבן מתקן געוועזן זיין נשמה. אונ עס איז באמת אזו געוועזן אז די נשמה איז מגולגל געווארן אונ דעם עוף אריין וואס עס איז גיקולט געווארן צו דר סעודת מצוה פון דעם צדיק. אונ ווי דר צדיק האט נאר אן גהויבן צו עסן פון דעם עוף האט די נשמה גהאט אתיקון גדול. אונ דר צדיק האט שוין ניט גיהאט וואס צו טון אויף דעם עולם ווי ער האט אלדונג פרעכט פון אלע גלגולים וואל צו דר הייליגע נשמה אז זי האט זוכה געוועזן אונ די יונגע יאהרן אלדונג צו פרעכטן:

פון דעם קאן מען זיך גינוג מוסר ארויס נעמן אז ווען ח״ו עס טרעפט אצדיק שטארבט די יונגע יאהרן אז מען זאל חלילה ניט מתרעם זיין

ווארן

# מעשה צדיקים

וואָרן זיין הייליגר נאמן איז גרעכט ער פירט די וועלט ער ווייסט וואס גוט איז פאר דעם מענש משל אמלך האט געהאט איין בת יחידה וואס ער האט זי זייער ליב געהאט אונ ער האט געוואלט אז זי זאל געלערנט זיין בכל מיני חכמות וכל מיני מלאכות אזו האט ער זי געשיקט אונ איין ווייטע מדינה צווישן חכמים אז זי זאל זיך לערנן חכמות פון זיי. די בת מלך איז געקומען צווישן די חכמים אונטער דער חברותה האבן זיי זי זייער ליב געהאט אונ האבן זיך מיט איר זייער משתעשע געוועזן וויא מיט א שוועסטער אונ האבן אונ איינם גירעדט אונ איין צייט ארום ווי די בת מלך האט שון גוט אויס געלערנט האט דער מלך איר ליבר פאטער געהערט אזו האט ער נאך איר גישיקט זי זאל אהיים קומען זי זאל זיצן ביים מלכות אונ שטיב אונ איינם מיט שרי מלוכה. נישט מיט פראסטע מענשן נאר מיט פירסטן אונ פרינצעסינם:

די בת מלך אבר איז שון זייער געוואנט געוואָרן אונ דער מדינה מיט די מענשן זי האט זיי זייער ליב געהאט זיי האבן זי זייער ליב געהאט איז פאר זיי ביידע זייער שווער געוועזן די פרישה. די בת מלך האט געוויינט וואס זי גייט אוועק פון אורע פול אוהבים אונ אורע אוהבים האבן זייער געוויינט ווייל זי גייט אוועק פון זייא. עס איז געוועזן א גראָסר חכם זאגט ער צו זיי וואס וויינט עטץ. עטץ דארפט אייך אלע פרייאן ניט צו וויינן אז זי האט זיך אזו אוס גיבולדוט אז זי קען שון קומען בחצרות מלכים אונ זיא קען זיצן פאר דעם מלך. עטץ מוזט וויסן אז זי איז איין בת מלך אונ דער מלך האט זי אהער געשיקט זי זאל לערנן אונ זיך בגירן כדי זי זאל קאנן זיצן צווישן שרי מלוכה אונ פרינצעסינם אצונד אז זי האט זיך באמת אזו אוס גיבולדוט אונ זי גייט שון פאר דעם מלכות דארפט עטץ ניט וויינן. נאר עטץ דארפט אייך פרייאן אז אייער גליבטע שוועסטער קומט צו אזוי גרויסע גדולה. חאטשו עס איז נאך ניט די צייט זי האט נאך גידארפט זיצן מיט אייך וועדלוג דער מלך האט פון דר ערשטער שעה זי אהער גישיקט עטץ דארפט אבר וויסן זי האט זיך אונ דר קורצר צייט אזו פול שלימות גקופט ווי פול איין

אנדערר אונ איין גרוסער צייט. אובר דעם דארפט עט'ן נישט טרויערן אוף אוהר. אונ ניט צו וויינן:

הנמשל די היילגע נשמה פון דעם מענש איז איין ב"מ זיא קומט פון זיין היילגען נאמן ב"ה וב"ש אהער אוף דר וועלט זי זאל זיך משלים מיט תורה ומצות אונ ווען ער איז מתקנאלדונג איז ער זוכה צו קומן פר זיין היילגן נאמן אונ ווען ער איז מתקן אונ די יונג יארן אלדונג אזו נעמט אום הש"י צו זיך אונ די יונגע יארן. אובר דעם דרף דר מענש ניט מתרעם צו זיין אוף השם יתברך ער איז גרעכט אונ זיינע משפטים זענן גרעכט השי"ת זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו טון מצות ומעשים טובים לשמה אמן:

## התגלות הבעש"ט ז"ל

דר היילגר בעש"ט ז"ל איידר ער איז נתגלה געווארן פלעגט ער זיך אוף צו האלטן אונ מערות אונ אין וועלדר כדי ער זאל קאנן האבן התבודדות זאל קאנן דינן הש"י אונ קיין מענש זאל אום ניט שטערן פון דער עבודה צו זיין היילגן נאמן. צווישן דר שטאט קאסוב אונ צווישן קיטיב צווישן די גרויסע בערג איז דא א מערה וואו ער האט זיך דארט איין לאנגע צייט מתבודד געווען אונ דר נעבן איז דא איין מקוה וואו דר בעש"ט ז"ל האט זיך דארטן תמיד טובל געווען. די מערה מיט דר מקוה עקסיסטירט נאך היינט ווער עס פארט דארטן קען זיא זעהן:

אונ דר צייט האט אן געהובן דר בעש"ט ז"ל נתגלה ווערן ער האט אן געהובן צו ווייזן וואונדרליכע זאכן ער איז געווען איין פועל ישועות כדי ער זאל קאנן צו ברענגן יודן צו דינן הש"י צו די דרכי החסידות אזו ווי ער האט זיך גיפורט. דעמאלט איז געווען אונ דר שטאט העליטש איין גרויסר גביר ער האט געהאט איין בת יחידה נאר זי איז קראנק געווארן אונ איז משוגע געווארן אז קיין שום דאקטער האט איר ניט גיקאנט העלפן. דר גביר איר פאטער האט זייער פיל אנגיוועגד זיא זאל געהיילט ווערין עס האט אבר ניט געהאלפן. אזו האבן אום פיל מענשן געזאגט ער זאל פאהרן צום בעש"ט ז"ל אזו וועט זיא בעשטימט גיהיילט ווערן. דר גביר איז בשלום געפארן

# מעשה צדיקים

צום בעש"ט ז"ל אונ ער הט אום זייער געבעטן ער זאל מיט אום פארן קיין העליטשר ער זאל העלפן זיין טאכטר :

דר בעש"ט ז"ל הט אום צו גזגט ווייל ער הט גוואלט עס זאל מפורסם ווערן דר דרך החסידות עס זאל מפורסם ווערן די דרכי העבודה הש"י אזו ווי עס איז צו אום נתגלה גיווארן מפי אליהו ז"ל דארורך הט ער גטראכט אז ער וועט פארן אונ דארטן וועט ער זיך אוף האלטן אונ ער וועט צו ציהן מענשן צו עבודת הש"י . אזו איז דר בעש"ט ז"ל גפארן קיין העליטש . אוף דעם וועג וויא זייא זענן דארך גפאהרן דורך דר שטאט פיסטין האבן זייא דארטן גינאכטיגט בייא דר נאכט בחצות לילה איז גווארן א גרוס גוואלט אונ שטאט אונ מען הט גרופן אז ווער עס הט יראת שמים אונ הארץ אונ נייער עס הט מורא פר הש"י זאל גיין אונ שול ארייין תהלים זאגן אונ בעטן אונ וויינן פר הש"י ער זאל זיך מרחם זיין אוף דער שטאט מען זאל מבטל זיין פון זייא די ביטרי גזירה :

דר בעש"ט ז"ל הט גפרעגט וואס פאר איין רעש עס איז אונ שטאט מען הט דר ציילט אז עס איז אביטערי גזירה אונ דר שטאט דעם שר העיר זיין טאכטר איז זייער קראנק אונ קיין דאקטר קען איר ניט העלפן אזו האבן די גלחים איין עצה גיגעבן דם שר פון דר שטאט אז ער זאל באפלן אוף די יודן אז זיי זאלן מתפלל זיין אוף איר פר הש"י אונ אז זיי וועלן ניט פועל זיין ביי הש"י איז אסימן אז הש"י הט זיי פיינד אונ דורך זיירי זונד איז קראנק זיין טאכטר אונ ער ווט זיי אלע ארוס טרייבן אונ שלאגן אונ הרגנן . איבער דעם זענן די יודן אזו פארביטערט אונ שרייאן אונ וויינן פר השם יתברך ער זאל זייא העלפן אונ דר גרוסע צרה :

דר בעש"ט ז"ל זגט צו זייא גייטס צום שר אונ זאגט אום אז עס איז גקומן איין גרוסער חכם איוד וויל היילין דיין טכטר ער נמט זיך אונטר אז ער זל העלפן איר די יודן זענן גגאנגן צום שר אונ הבן אום דר ציילט אז איין יוד וויל זיך אונטער נעמן זיין טכטר צו היילין הט ער צום ערשטן ניט גוואלט ביז זייא האבן אים שטארק מפציר גווען האט ער גגעבן רשות ער זאל קומן פר אום צו היילן די טאכטר :

אז

אזו איז דר הייליגר בעש״ט ז״ל גגאנגן אונ פרונצס הוף אונ ער האט גזאגט מען זאל ארוס נעמן אלע בודער אונ אלע צלמים פון דר שטוב אונ יעדר מענש זאל ארוס גיין פון דעם חדר עס זאל קיינער ניט דארטן גפונן אונ מען זאל זי וויקלען אונ מען זאל זי לייגן אויף דר לונקער זייט דר נאך וועט ער אריין גיין זיא היילן. אונ זייא האבן אלץ גיטוהן אזו וויא ער האט גהייסן:

עס הט זיך אבר דארטן בעהאלטן איין גלח אונ אווינקול כדי ער זאל קאנן זעהן וואס דר בעש״ט ז״ל טוט נאר אבר אונ דר רגע ווי דר בעש״ט ז״ל איז גקומן אויף דר טיר הט ער גזאגט עס לוגט דא איינר וואס הט זיך בעהאלטן מען זאל אום ארוס טרייבן הט מען גזוכט הט מען גפונן דעם גלח ווי ער הט זיך בעהאלטן אונ מען הט אום ארוס גטריבן פון דארטן. דר בעש״ט ז״ל הט גנומן איין פרטשיילע אונ הט זיך פרבונדן די באריד די פאות עס זאל חלילה קיין האר פון זיי ניט ארוס קומן דר נאך הט ער זיך איינגבויגן אונ הט איר עפס גזאגט אונ אויר אריין אונ ער איז תיכף אוועק גגאנגן אונ ער הט גזאגט אז זיא איז שון אונ גאנצן גהיילט. אונ עס איז אזו גוועזן דס איז גוועזן לפלא ביי אלע מענשן וואס זענן דארטן גוועזן דאדורך איז דער נאמן פון דעם בעש״ט ז״ל נתפרסם גווארן אונ יעדר הט גוויסט אז ער איז איין איש מופת גדול אונ מען הט אום גהאלטן פר איין איש קדוש ונורא:

פון דארטן איז דר בעש״ט ז״ל גפארן קיין העניטש מיט דעם גביר. דר בעש״ט ז״ל טראכט זיך עס איז ניט דא קיין נויטווענדיגע זאך צו טון פלאים חוץ לדרך הטבע אזו ווי ער הט גטין אין פיסטין אישועה גדולה אונ איין רגע וויל דעמאלט איז גוועזן איין עת צרה צו יורן. נאר דא וועט ער טון פאוואלע ער הט גהייסן ברענגן די משוגעת אונ דר צייט ער הט גדאווינט אונ געליינט אונ בית המדרש אריין כדי זי זאל הערן דברי קדושה אונ אלע הייליגע ווערטער פון זיין מויל אזו וועט אלדעם ביז פון איר אנטלופן עס איז אזו גוועזן לערך פיר וואכן הט גדווערט אונ דעם גביר זיין

# מעשה צדיקים

טאכטר דיא משוגעת איז געהיילט געווארן אונ איז געווארן וויא יעדער מענש געזונד . אונ דאדורך איז דר נאמן פון דעם היילגן בעש"ט ז"ל נתגלה געווארן , אונ די וועלט הט זיך צו אום צייער צו גצוגן :

בימים האלה אונ דר צייט איז געווען אונ שטאט איין רב את תלמיד חכם איין מופלג בתורה , ער איז געווען איין מתנגד אויף דעם בעש"ט ז"ל אונ ער הט תמיד נאך גקוקט דעם בעש"ט ז"ל , ער זאל וויסן דעם שורש פון דר הנהגה וואס ער טוט . אמאהל אום ערב שבת ווען דר בעש"ט ז"ל הט גדאווינט מנחה איז געווען דר שטייגער , ער הט גדאווינט מנחה עס איז נאך געווען פיר שעה צו נאכט אונ שמונה עשרה פון מנחה הט ביי אום גדויערט לערך דריי פיר שעה כדי מעלה צו זיין נשמות אונ אויך אלע עולמות . דר רב פון דארט הט געזעהן ווי ער איז מאריך אונ דר שמונה עשרה הט אום זייער פארדראסן ווארן ער האט זיך ניט גגלייבט אז איין מענש זאל קאנען אזו לאנג שטיין אויף די פוס אונ מעמיק זיין אונ דאווינען ווארן העכטונגס אז מען דאווינט גאר פאוואלע דורט לערך צעהן מינוט אבר ניט דרייא פיר שעה :

דר רב דר תלמיד חכם זאגט מי יודע וואס ער טוט אצינר איך וועל גיין אכטונג געבן . בקיצר ער איז גגנגען צום בעש"ט ז"ל אונ הט אויף געהובן דעם טלית פון זיין פנים אונ ער הט אום אן גקוקט אונ דר רגע איז דר תלמיד חכם גיבליבן אונ חלשות אז ער איז כמעט געשטארבן גאר מען הט אום זייער גרטעוועט ביז ער הט זיך דר מאנט דר נאך איז ער קראנק געווען דרייא חדשים . אזו הט דר תלמיד חכם דר ציילט וואס ער הט געזען דן דר היילגר בעש"ט ז"ל איז געווען אשיינר מענש וואס דם פנים הט געלאכטן אצונד הט ער אום געזען ווי א טוטן אן אנשמה די אויגן פרגלייסט אונ עס איז גגאנגן פון די אויגן טרערן ווי פון אריינערל אונ דר גאנצר גוף איז גשמאגן אזו ווי א גולם אן ארוער איבר דם הט זיך אזו דר שרקין אונ ער איז גבליבן אונ חלשות אונ דעמאלט הט ער אויף זיך מקבל געווען ער זאל נכנע זיין פר היילגן בעש"ט ז"ל וויל ער איז געווען קדוש ונורא

זיינע

זיינע עבודה וואס ער האט גדינט זיין הייליגן נאמן איז גוועזן וויגדרך אז קיין מלאכים ושרפים האבן נית גקאנט משיג זיין אום . השי"י זאל אונז העלפן מיר זאלן קאנן דינן זיין הייליגן נאמן ערונסט אונ מיר זאלין גהאלפין ווערן בקרוב אמן :

## דער בעש"ט ז"ל אין סטאמבול

עס איז מפורסם לכל די נסיעה פון דעם בעש"ט ז"ל קיין ארץ ישראל ווייל ער האט זיך גוואלט זעהן מיט הרב הקדוש בעל המחבר ספר אור החיים נאר מן השמים האט מן אים מעכב גוועזן ווירן ער זאלט גיוון צו זאמן גקומן מיט דם אור החיים וואלט משיח גקומן , עס איז אבער נאך נית צייט בעונותינו הרבים דאדורך האט ער גיהאט אויף דם וועג גרויסע צרות אונ איז אמאל אריין גפאלון אונ איין ענמת נפש אונ איז אפ גיטן געווארין פון אים אלע זיינע גרויסע מדרגות וואס ער האט גהאט דער בעש"ט ז"ל האט גיזאגט נוא וואס איז איך וועל דינן דעם בורא עולם וויא אפראסטער יוד אן מדריגות :

דר בעש"ט ז"ל האט גהאט מיט זיך איין תהלימיל פון הקדוש ר' אדם בעש"ט ז"ל אונ אויף דעם גאנצון וועג וואס ער איז גיפארן אונ דר שוף האט ער גזאגט שירות ותשבחות אונ תהלים אזו וי איין אדם פשוט בגז ער איז גקומן קיין סטאמבל מיט זיין טאכטר המפורסמת מרת אדיל וואס זיא האט גהאט צוויי זוהן די צוויא הייליגע ברידר דר רבי רבי ברוך פון מעזיביז אונ הרב הקדוש מוה' אפרים פון סדילקאב בעל המחבר ספר דגל מחנה אפרים. ניא וויא זיי זענון גקומן קיין סטאמבול מיט גרויס עלענד אונ אן קליידר אונ דעמאלט איז גוועזן חודש ניסן ערב דעם הייליגן יום טוב פסח. אזו איז דר בעש"ט ז"ל גגאנגן אונ בית המדרש אריין אונ האט דארטן גירהט אונ גדאווינט אונ גלערנט אזו ווי איין פרעמדר יוד , עס איז גקומן פר יום טוב צוויי טאג איז גגאנגן די צדקת די טאכטר פון דם בעש"ט ז"ל צו איין טייך זיא זאל אום וואשן איין העמד דם הייליגן בעש"ט ז"ל ער זאל האבן אויף פסח . אזו האט זיך דר מאנט דם שטאנד פון איר

הייליגן

# מעשה צדיקים

היילגן טאטן אז זיי זענן אונ אגרויסע לענד אן פרנסה אונ אצונד איז שון פר פסח אונ ער האט נאך ניט קיין מצה שמורה אונ ניט קיין וויין אויף ארבע כוסות אונ אנדרע זאכן. וואס מען דארף האבן אויף יום טוב · אויך ווי זיא האט גזעהן אז איר פאטר ווצט אזו וויא אפראסטר יוד דאס האט זיא זייער גקרענקט. אונ זיא איז גשטאנן בייס וואסר אונ הט זייער גוויינט אונ אבאך טרערן איז איר גגאנגן פון די אויגן :

עס איז דעמאלט פר ביי גגאנגן איין גרויסר גביר אונ ער הט גזעהן די צדקת וויינט זייער ער פרעגט זיא מיין קונד וואס וויינסטו זיא ענפרט אים וואס וועט איר מיר דען קענן העלפן אז איר וועט שוין וויסן דר גביר זאגט צו איר נאך אמאל מיין קונד אפשר וועל איך קענן מיט השי"ת הולף דיר ארויס העלפן דר צייל מיר וואס עס האט זיך גייט דיר פאסורט . די צדקת דרצײלט אים פון איר היילגן טאטן וואס מיט זיי איז גיוועזן כוז אצונד אונ אז ער האט נאך ניט קיין שום הכנה צים היילגן פסח . דער גביר זאגט צו איר מיין קונד גיי צו דיין טאטין אונ זאג אים אז ער וועט בייא מיר האבן זיין גאנץ בדערפעניש ער זאל צו מיר קומן תיכף וועל איך אים שוין אלעם געבין :

דיא צדקת דעם היילגען בעש"ט טאכטר לויפט צו איר פאטר אונ דרציילט אים אז אגביר פון דארטון בעט אים צו זיך ער זאל בייא אים זיין . דער בעש"ט איז גגאנגן צו דעם גביר אים ערב פסח נאך מנחה דאווינן לערך זייגר צווייא דריי אונ וויא דר בעש"ט ז"ל איז נאר גיטרעטן אויף דער שוועל פון דעם גביר אונ ער האט גיזעהן די דירות מיט מעבלין מיט אלע טייערע כלים וואס איז גישטאנן דארטן אזו הט ער גיהאט איין גרויסן הרחבת הדעת ער הט פר געסין אן אלעם וואס הט זיך מיט אים גטראפן דאדורך איז ער גווארן פול שמחה אונ דורך דר שמחה האט ער צוריק בקומן זיינע גרויס מדריגות אונ דאס פנים האט גילאכטן אזו וויא די זון אים תמוז :

דר גביר האט אים אריין גנומן אונ אגרוס הדר אריין אונ האט אים

מכבד

# מעשה צדיקים

מכבד געוועזן מיט וויין אלטן טייערן וויין אונ ווי דר הייליגער בעש"ט ז"ל האט גיטרונקן דעם וויין איז ער געווארן מלא בשמחה אונ דם הארץ איז געווארן צוריק אזו ווי ער איז אמאל געוועזן פול מיט אהבה ויראה צו השם יתברך אונ אלע הייליגע מדרגות זענען צוריק געקומן. אזו זאגט דר בעש"ט ז"ל איך וועל מיך לייגן אביסל אפ רוהן כדי מיר זאלין קאנן דר ציילן יציאת מצרים אונ דיא הגדה מיט איין לעבטיגן מוח: אונ דער בעש"ט ז"ל האט זיך געלייגט אונ ער איז גיט אנטשלאפן געווארן. אונ וויא עס איז שוין געוועזן זייגער צוועלף בייא נאכט אזו זאגט דר גביר איך וויים גאר ניט וואס דם איז מיט דעם אורח ער שלאפט אזו לאנג אונ מען דארף דם סדר צו מאכין דר גביר נעמט אליכט אונ גייט צו צום בעש"ט ז"ל אונ ער קוקט אים אין דעם הייליגן פנים אריין. אזו האט ער געזעהן וויא דער אורח שלאפט אונ פון בייד אויגן גיין טרערין אזו ווי צוויי שנירלך. וואבר דם איז געוועזן איין פלא גדול בייא דעם גביר ער האט פחד גיהאט אים אוף צו וועקין ער האט געזעהן בייא אוהם הידושים וואס מען זעהט ניט ביי קיין שום מענש. ער איז געבליבן שטיין אונ ער האט אים גיקוקט אונ פנים אריין כדי ער זאל זעהן דם סוף פון דער זאך. אזו האט ער געזעהן אז יעדר רגע ווערט ער איין אנדרר מענש אונ די טרערן גוסין זיך וויא פון צוויי ריירין. אונ די אויגן זענין כמעט אים ארוס פר גרוס יסורים אונ ער האט געגעבן איין געשריי אונ ער האט זיך דארויף אויף גיהאפט:

דר הייליגר בעש"ט ז"ל האט זיך גוואשין דם פנים אונ די הענט אונ ער האט זיך גישטעלט דאווינן מעריב אונ ער האט חלל גזאגט מיט גרוס התלהבות דר נאך איז ער גיגאנגן צום טיש אונ ער האט גזאגט די הגדה כסדר דר ציילט פון יציאת מצרים מיט גרוס דהתלהבות אז דם פנים האט גשיינט אונ דר גביר האט זיך זייער גפארכטן אום צו קוקן אונ פנים אריין אונ ער האט שון פרשטאנען וואס פר איין טייערר אורח דם איז אז דם איז איין איש אלקים קדוש ונורא. ווי עס איז טאג געווארן אונ זיי האבין דעם סדר אויף גיהערט אפ צו רעכטון אזו פרעגט דר גביר דם בעש"ט ז"ל וואס

עם

# מעשה צדיקים

עס איז אזונס געוועזן ווען ער האט געשלאפין איז אים געגאנגען אז פוהל טרערין פון די אויגן אונ ביים אויף חאפין האט ער איין גרוסין געשרייא געגעבין אז כמעט די אויגן זענן ארוס פון די דעכר :

דר בעש"ט ז"ל ענפערט אום איך האב דעמאלט געהאט עליית נשמה אזו האב איך געהערט אונ הומה אז מען האט גוזר געוועזן איין גזירה אויף יודן אונ דר שטאט מען זאל זיי אלע ארוס טרייבן פון דאנן אונ הרגנן אונ יסורים אן טון אזו האב איך זייער געוויינט פר זיין היילגן נאמן מען זאל מבטל זיין די ביטרע גזירה פון די יודן אז מען זאל זיי חלילה קיין שלעכטס נוט טון · אונ מען האט מיך נוט געוואלט הערין. איך האב מיך דר נאך מוסר נפש געוועזן פר יודנס וועגן אונ האב געוואלט אום קומען כדי יודן זאלין געהאלפן ווערין ערשט דעמאלט הב איך מעורר רחמנות געוועזן אונ מען האט מבטל געוועזן די גזירה רעה. אונ דורך דעם וואס איך האב מיך מוסר נפש געוועזן פון יודנס וועגן האט מען מיר צוריק געשיקט מיין נפש איך זאל מיך פרייאן בשמחת ישראל. אונ דעמאלט האב איך מיך אויף געחאפט · אונ נאך דעם דאווינן וועט נתגלה ווערן וואס איך דר צייל דיר :

אונ דר פרוה צום דאווינן זענן צווייא גרוסע גבירים ניט געקומען דאווינן אונ שול ארייין אזוי האט מען געווארט מיט דם דאווינן אצייט מען האט אבר זיך ניט געקאנט דר ווארטן אונ מען האט גדאווינט אן זיי. נאך דם דאווינן זענן די גבירים געקומען מיט אלומטיג פנים אונ זאגן צום עולם ניט יום טוב ניט יום טוב שלום שלום לנו ולכל ישראל. דר עולם פרעגט וואס איז נייעס פארגעפאלן היינט מיט זיי וואס זיי זענן ניט געקומען דאווינן אונ אצונד זאגן זייא די דאזיגע ווערטר. די יודן ענפרן אונ איין איגן בליק שיעור האט מען אלע יודן ארוס געטריבן פון דאנן ותהלה לא' יתברך אז די גזירה רעה איז בטל געווארן. זיי האבן דר ציילט וואס עס איז געשעהן מיט זיי אונ דם רחמנות פון השי"ת האט זיך דרוועקט האבן זיי געפונען חן ביי דר מיטר פון דם מלכות ער זאל אפ רופן דאס שלעכטס וואס איין מינוסטר אשונא ישראל האט געטון מען זאל ניט ארוס טרייבן די יודן. אונ איז אזו געטון געווארן אז דם שונא ישראל האט מען

# מעשה צדיקים

איין געצט תפוס ווייל ער האט געוואלט פארגיסן זיין בלוט . דעמאלט איז
בעש"ט ז"ל נתגלה געווארן השם יתברך זאל אונז העלפן פון אלעם בייזן
און זאל אונז שוקן דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן סלה :

# מעשה נפלא

## מהרב הקדוש הצדיק הגאון ר' פנחס קאריצר ז"ל זי"ע.

עס איז מפורסם יעדן מענש די גרויסע קדושה פון דעם גרויסן צדיק הקדוש
מוהרר ליב ז"ל וואס יעדר האט אים גרופן דר שפאלער זיידע . דר טעם פר
וואס מען האט אים גרופן שפאלער זיידע ווייל דעמאלט ווען ער איז געקומען
קיין שפאלע איז דאס גאנצע שטעטל שפאלע געווען מחללי שבת און האבן
ניט געוואלט לערנען די קינדר קיין תורה מחמת ווייל זייא זענען געווען זייער פר
גרעבט אז כמעט האבן זייא ניט געקאנט דאווינען נאר דר הייליגער צדיק
האט זייא מקרב געווען תחת כנפי השכינה און ער האט זייא מגייר געווען
דארוך האט מען אוהם גירופן דר זיידע ווייל ער איז געווען איין בחינה פון
דעם הייליגן זיידע אברהם וואס ער האט מגייר געווען אסך גרים און ער האט
זייא מכנים געווען תחת כנפי השכינה :

צווישן די חסידים פון דם שפאלער זיידע איז געווען איין חסיד איין מקרב
וואס ער האט אום זייער ליב געהאט : און דר חסיד האט קיין קינדר ניט געהאט
דארוך האט ער מצער געווען זיין רבי ער זאל מתפלל זיין אויף אום ער
זאל האבן קינדר דר שפאלער זיידע האט אום מרחה געווען. איינע טאג אמאל
האט ער אום געזאגט ער זאל מאכן אסעודה מרעים פאר חסידים און זייא
זאלן אום ווינשן אפשר וועט דאס העלפן און ער איז אבר ניט געהאלפן געווארן
און תמיד ווען ער איז געקומען צו זיין רבי ער זאל האבן איין בן זכר האט ער
אוהם מרחה געווען . אמאל איז דר חסיד געקומען קיין שפאלע און ער האט
זיך אפגעפאסט אז ער זאל ניט אפטרעטן דעם רבי ביז ער זאל גוזר זיין ער
זאל האבן אקינד אזוי איז ער געגאנגען צו זיין רבי האט ער אום געטראפן אז ער
איז געזעסן פארטראכט מיט זיינע מחשבות און גרוס דביקות אן השי"ת :

דער

# מעשה צדיקים

חסיד זאגט צו אום רבי העלפט מיר איך זאל האבן אקונד צום לעבן
ט אום דר רבי לאז מיך אצונד נאך ווייל איך בין עוסק אונ איינדבר
ל וועגן כללות ישראל. עס איז ניט די צייט אצונד אונ זון האבן איחיד.
דר חסיד דר הערט דאס טראכט ער ביי זיך בלי ספק אז דר רבי הט
צונד אונ זון ובללות ישראל איז גוויס איין עת רצון דארוך וועל איך אום
ט אפ טרעטן איך וועל אום מצער זיין ביז ער וועט גוזר זיין אז מן השמים
אל מען העלפון מיר איך זאל האבן אקונד. צום לעבן אונ דר חסיד האט
ן גטון ער האט אזו גטון ער האט שטארק מצער געוועזן זיין רבי ער הט
ם ניט גלאזט טון קיין שום זאך אונ ער הט אים גאר גדולט זיין בקשה
ר רבי האט זיך ביי אום גבעטין לאז מיך נאך אז ניט וועסטע אסוף
אבן . דר חסיד אבר ווייל ער האט גיקאנט דעם רבי אז ער איז גיוועזן
ער אגוטר בפרט קעגן אום אז ער האט אום זייער לוב גהאט אובר דם
אט ער זיך איינגושפארט קעגן אוהם אונ ער האט אום מצער גוועזן :
דר רבי האט אבר ניט גקאנט איים האלטון פון: אום אזו האט ער אום
גט איך שוור דיר אז די וועסט שון ווייל די ווסט לעבן קיין קינדר ניט האבן
יל די ביסט אזו דוחק את השעה אונ ביסט מיך מצער אן שיעור. דר
סיד ענפערט דם רבי איך זעה אז איך האב ביי איך גאר ניט וואס צו
ן נוא וועל איך אוועק פארין פון אייך אונ ער איז אוועק גפארין אונ גרוס
נגסון ווייל ער הט גוויסט אז די ווערטר פון דם היילינן שפאטער זיידע
גן ניט זיין קליינגקייט אז מען הערט אום אונ הוממעל אזו האט ער זיך
ר מייאש גוועזן צו האבן נאכדאקונד אוף דער וועלט :
אמאל איז ער גפארין אוף איין ירוד קיין קארעץ . נאך דם ירוד איז ער
ובית המדרש אריין דרטיינוי דר היילוגר רבי פנחס קאריצר הט גקערונט.
שמאלט אבר איז נאך דר צדיק וקדוש רבי פנחס ז"ל נאך ניט נתגלה
ארן . דר חסיד אבר איז גוועזן אבעל שכל וויא ער האט גזעהן דם
הנהגות פון דם היילגן צדיק רבי פנחס ז"ל האט ער פרשטאנן אז ער
גאר דר גרויסר מאן דר גרויסר בעל מדרגה ער האט גיט אכטונג גגעבן

# מעשה צדיקים

האט ער געזעהן אז ער איז באמת אבעל רוח הקודש קדוש וטהור. אז האט ער גפרעגט פון וואס זיין פרנסה איז. האט מען אום גזאגט ער איז אגרוסר אביון ער לערנט תורה לשמה בעניות גדול וואס מען האט נאך אזוי עניות ניט געזעהן ער לערנט די גאנצע געכט אונ גרוס דוחק אונ מאכט זיך גאר ניט אום דעם אלום:

דעמאלט איז געוועזן חודש ניסן עטליכע טאג פאר פסח אונ דער צדיק האט זיך אויף גאר ניט גזארגט נאר ער קרעכצט מען זאל חלילה ניט ווערן פון תורה לערנען ווייל מען דארף אויף פסח אן צו גרייטן אונ ער האט ניט קיין פרוטה אחת די ווערטער זענען גקומן צו דעם חסיד וואס ער איז גקומען אויף איין ירוד. דער חסיד טראכט ביי זיך עס איז אצונד די צייט צו טוען גוטס פון זיין הייליגן נאמן וועגן אונ אפשר איז די צייט אויך גקומען גהאלפן צו ווערן. דער חסיד גייט צו דעם רבי פנחס קאריצער אהיים אונ ער פרעגט זיין ווייב אויב זיא האט שון אויף פסח וואס מען דארף. זיא ענפערט אז זיא האט ניט קיין פרוטה אחת. דער חסיד זאגט צו איר איך וויל דא ביי אייך עסן יום טוב איך וועל אייך געבן וואס מען דארף צו האבן כדי איך זאל קאנן יום טוב האלטן ביי אייער מאנס טיש:

דער חסיד האט גגעבן אויף מצות שמורה אונ אויף ווין פלייש עופות. אויך האט ער גגעבן געלד צו קויפן אטויש מיט עטליכע בענקליך. אונ ער האט גהייסן אן גרייטן יום טוב גאנץ ברייט ער האט זיא אויך גבעטן זיא זאל ניט אוים זאגן איר מאן פון קיין שום זאך ביז פסח ביי נאכט צום סדר. אונ זיא האט אלץ אן גגרייט. אונ דער חסיד איז אלע מאל גקומען אכטונג געבן. אפשר דארף מען עפוס נאך האבן לכבוד יום טוב פון מאכלים טובים אודר פון כלים אזו וויא ביי נגידים איז אויף אלים האט ער געלד גגעבן. אויך לעכט גרויסע שיינע האט ער אסך גקויפט אן צו צינדן ביי סדר כדי דער צדיק ר' פנחס ז"ל זאל האבן שמחה הרחבת הדעת אונ אום יו"ט:

דער צדיק רבי פנחס ז"ל וואונדערט זיך וואס איז דס וואס זיין ווייב גיט אום מנוחה וועגן דעסהייליגן יום טוב וואס מען דארף צו האבן דער צדיק אבר

שווייגט אונ מאכט זיך גאר ניט ווסריג, ער הט גאר נושט גפרעגט ווייל ער הט זייער ליב גהאט די היילגע תורה אונ איין ביטול תורה איז ביי אוהם געוועזן זייער טייער אום ערב פסח איז דר צדיק גגאנגן אונ מרחץ אריין אונ הט זיך טובל גוועזן אונ ער הט זיך צרוק גזעצט לערנן אונ ער איז דארט גזעסן ביז צום דאווינן. אונ דער חסיד הט דר ווייל אן גגרייט ווין אויף ארבע כוסות אויך הט ער גימאכט שיינע מלבושים דעם גאנצן בני בית אונ איין מלבוש דעם היילגן צדיק רבי פנחס ז"ל אויף דעם היילגן יום טוב וואס מיר זענן אום גילייזט גווארן פון מצרים. דר צדיק הט גאר ניט גוויסט פון אלעם. ביא נאכט יום טוב איז דר צדיק רבי פנחס גגאנגן דאוונן אונ בית המדרש אריין. דר חסיד איז נישט גגאנגן דאוונן ער הט זיך בעשעפטיגט כדי ער זאל מהנה זיין דעם היילגן צדיק ער הט אום געשטעלט די כלים אונ גצונדן ליכט די גאנצע שטוב אום גיפוצט אז די שטוב איז גוועזן שמחה וששון ויקר. וויא דר צדיק איז גקומן אהיים אונ ער הט גזעהן נייע כלים דעם טיש מיט די בענק אונ די מנורה מיט די ליכט איז ער גווארן פול שמחה אונ האט גהאט הרחבת הדעת. ער האט גפרעגט וואס איז דאס די רבנית זיין ווייב ענפרט אום דאס הט דער טייערר אורח ארץ אן גגרייט לכבוד יום טוב:

דר צדיק גוט דעם חסיד שלום אונ פרעגט אום גאר ניט כדי ער זאל זיך מבלבל זיין דעם מוח צו קידוש אונ צו אפ רעכטן דעם גאנצן סדר. דר אורח גוט אום דם מלבוש וואס ער הט אום גמאכט ער טוט זיך דעם מלבוש אן ער זעצט זיך מאכן קידוש אונ ער האט דער ציילט יציאת מצרים מיט גרוס שמחה מיט גרוסע התלהבות ווארן דורך דעם הרחבת הדעת איז ער גקומן צו גרוס מדרגות. דר חסיד הט דם צו גקוקט הט ער פרשטאנן וואס דאס איז ווארן ער האט שון גלערנט אונ ער האט גוויסט וואס איין צדיק אבעל מדרגה איז ווען ער פלעגט צו פארין צו שפאלער זיידע זכותו יגן עלינו:

דר חסיד הט גשוויגן אונ הט גרוס תענוג גהאט ביז נאך די ערשטע צוויי

# מעשה צדיקים

כוסות בשעת סעודה זאגט דער צדיק רבי פנחס ז"ל צו דעם אורח וואס ער טוט דא. אונ וואס ער פרלאנגט. קען ער געהאלפן ווערן אצונד פר דעם וואס ער הט אום אזו מהנה געוועזן. דר אורח דר ציילט אום כסדר וואס עם הט זיך מיט אום גטראפן אונ אז ער פלעגט צו פארן צום הייליגן שפאלער זיידע נאר ער הט רחמנא ליצלן קיין קונדר ניט אונ ער הט אום אמאל שטארק מפציר געווען ווען ער אז השם יתברך זאל אוהם העלפן ער זאל האבן קונדר דער מאלט הט ער גשווארן אז ער וועט וויל ער וועט לעבן שון מער קיין קונדר ניט האבן. אצונד בעט איך איך הייליגר צדיק צו טראכטן מען זאל צוריק נעמן די שבועה פון דעם שפאלער זיידע כדי איך זאל אויך דעם עולם זעהן פאר מיר קונדר וואס זענן עוסק בתורה ויראת שמים :

רופט זיך אנדר הייליגר צדיק רבי פנחס ז"ל איך נעם צו ואסאלע מיינע מעשים אונ וואס פר אין זכות איך האב נאר עפים. אונ איך שווער. אייך אז דם יאר וועט אייער וייב האבן אקונד אבן זכר צום לעבן. אונ עס איז באמת אזו געוועזן דם יאר הט ער גהאט אבן זכר :

די מעשה הט דר ציילט ביים טיש דר הייליגר רבי הרב הקדוש פון מאנדריגערי ז"ל אונ ער הט אום גפורט אזו. ווי דר רבי פנחס ז"ל הט גשווארן אז דר חסיד זאל האבן אקונד איז געווארן אגרוס רעש אונ דר פמליא של מעלה וואס איז צו טון דר הייליגר שפאלער זיידע הט גשווארן ער זאל מער קיין קונד ניט האבן אונ דר הייליגר רבי פנחס קאריצר ז"ל הט גשווארן פרקערט ער זאל יוא האבן קונדר וואס איז צו טון. הט מען געמאכט אפסק ביים ב"ד של מעלה מען זאל אכטונג געבן ווער עס הט זיך קיין מאל ניט גשווארן אפילו איין שבועה של אמת דם דאזוגנם שבועה זאל מען דר האלטן אזו הט מען גזוכט אונ די ספרים פון די צווייי הייליגע צדיקים ווי עס שטייט פר שריבן זייערע מעשים אזו הט מען געפונען אז דר הייליגער רבי פנחס קאריצר זכרונו לברכה הט זיך קיין מאהל ניט גשווארן אפילו קיין שבועות אמת דאדורך איז גבליבן זיין שבועה. דר חסיד זאל האבן איין קונד : פון דר וויגדרלבע מעשה קאן מען זיך גנוג מוסר ארוס נעמן ווי פיל דם

# מעשה צדיקים

איז גריס ווען מען איז מחנת אצדיק הדור דורך דעם קען מען זוכה זיין צו מעשה נסים אונ ווי ווייט דר מענש דארף זיך אפ צו היטן פון שבועות אפילו פון שבועות אמת . השי"ת זאל אונז העלפן מיר זאלען גהאלפן ווערין מיט אלום אונ מירזאלין זוכה זיין צו זעהן דעם גואל צדק בב"א :

# מעשה נפלא

## מהרב הקדוש האלקי מוהר"ר ברוך ממעזיבוז נכד הרב הקדוש הבעש"ט ז"ל . זכותם יגן עלינו ועכי"א

עס איז אמאל געווען איין עת צרה גדולה רחמנא ליצלן אויף יודן . אין די גאנצי וועלט גאפן צום הייליגן צדיק רבי רבי ברוך ז"ל אונ מעזיבוז דעם בעש"ט ז"ל איין אייניקל ער זאל השי"ת בעטן אז יודן זאלן גהאלפן ווערן אזו זאגט דר רבי רבי ברוך פארטס אונ אייזקארך אריין עס איז פון דאגן עטליכע מויל אונ ובטס אפ אייגם וואס ער הייסט אזו אונ נייקפאטר הייסט אזו ער האט ווי אן גזאגט הזהרו והזהר דם מענש אפ צו זגן ער דט אום גיט בצייכונט מען זאל אום קעננאפ זוגן אונ ער האט ווי אן גזאגט ניט אפ צו טרעטן ביז ער זאל מיט זיין מול זאגן השי"ת זאל אפ טון די בייזע צרה פון אייך :

די מענשן זענן אוועק גפארין פון דעם רבי רבי ברוך ז"ל . האבן ווי בייז זיך גטראכט בלי ספק איז דא אגרוסר מאנאצדיק מפורסם אז דר רבי מיז ערשט צו אום שוקן ער זאל גוזר זיין מען זאל העלפן מן השמים . נו ווי זיי זענן גקומן אונ שטאט אריין האבן זיי גפרעגט ווי זוצט דר צדיק וואס ער הייסט מיט זיין נאמן אזו נאו קיינר האט ווי ניט גוויסט וואס צו ענפערן מען האט זייא גזאגט אונ דר שטאט וואנט ניט קיין צדיק ער זאל אזו הייסן די משולחים האבן ניהגווינדערט ווי האבן גוויסט אז זייער הייליגר רבי רבי ברוך רד ניט קיין שקר ח"ו . עס איז גוויס אמת נאר יעהאך וויסן ווי ניט וואס צו טון . אזוי זענן ווי גגאנגן פרעגן אויף איין מענש מיט דם נאמן אוב עס גפונט זיך אונ שטאט אונ ווי האבן ריכטיג גפונן איינם וואס ער האט ווי גזאגט

איך

# מעשה צדיקים

איך קאן דעם דאזיגן מענש ער איז אגראסר שיכור צו וואס נוצט אייך דר שיכור ער לוגט שיכור באשטענדיג ער דאווינט נים אונ טוט גאר נישט ער טרונקט בשטענדיג ער ווייסט נישט וואס עס טוט זיך מיט אוהם:

די משולחים זענן גגאנגן צום שיכור אהיים אונ האבן גפרעגט אויף אוהם אונ האבן דר ציילט זיין ווייב דר הייליגר רבי רבי ברוך ז"ל הט גשוקט צו אום. זיין ווייב ענפרט מיינע לוטע יודן וואס מאכט עטץ מיך צום גלעכטר עטץ נעהט ער איז איין שיכור ער לוגט שיכור וואס הט דר הייליגר רבי צו אום צו שוקין דס ווייב דר ציילט זי זיין התנהגות אז ער איז גוועזן אגראסר אונ ווייט ער הט זיך גנומן צו שיכרן איז ער גוואָרן זייער ארום אונ זיין שטייגר איז ווי ער שיכורת זיך אן לייגט ער זיך שלאפן אונ ווי ער חאפט זיך אויף שיכורת ער ווידר ביז ער לוגט ווידר שיכור ער פורט שון אזוי עטליכע חדשים אז עטץ דארפט מיט אום רעדן מוזט עטץ ווארטן ביז ער חאפט זיך אויף אונ די רגע איידר ער טרונקט ווידר זאלט עטץ מיט אום רעדן ווארן אז עטץ וועט אוועק גיין דר וויל וועט ער זיך נאך אמאהל אן שיכרון אונ עטץ וועט נים האבן מיט קיינם קיין ווארט צו רעדין:

די מענשן האבן זיך זייער גווינדרט. אוך האבן זיי חוקר ודורש גוועזן אוף זיינע מנהגים פון לאנג איידר ער איז איין שיכור גווארן נאר זיי האבן דארונטר נים גהערט קיין שום דבר טוב אז זיי זאלן פרשטיין דער פון פר וואס ער קאן פולן ישועות מן השמים נאר אבער זייא דורך זייער גרוס אמונה אן דעם רבי רבי ברוך ז"ל האבן זיי אום גהוט זיי זאלן אום זעהן ער זאל זאגן די ווערטר וואס דר רבי רבי ברוך האט אן גזאגט. זיי האבן זיך דר ווארט אונ דר שיכור האט זיך אויף גחאפט אונ ווי ער הט זיך אויף גחאפט הט ער גחאפט איין פלאש ברונפון צו טרונקען. האבן דיא משולחים אום אן גחאפט ביי דר האנד אונ האבן אום געזאגט אז דר צדיק רבי ברוך ז"ל. הט צו אום גשוקט אז ער זאל זאגן די בוטערע גזירה זאל אוף הערן פון יודן. דר שיכור זאגט איך וועל אר צום ערשטן אביסל ברונפן טרונקן. די משולחים זאגן צו אוהם מיר

טרעטן

# מעשה צדיקים

טרעמן דיך נישט אפ און מיר װעלן דיך נישט לאזן טרונקן ביז די װעכט גוזר זיין אז מען זאל שיקן די ישועה מן השמים :

דר שיכור הט צו זיי געזאגט השי"י מיט זיין גרוס רחמנות זאל אפ טון די בייזע צרה פון אייך און לאזט מיך רוען. װענן זייא תיכף צוריק געפארן קיין מעזיבוז און זיי האבן באצייכנט די שעה װען דר שיכור הט ארוס געזאגט די װערטער האבן זיי געזעהן אז און דר זעלבע רגע װי דר שיכור הט ארוס געזאגט װענן זייא געהאלפן געװארן: אזוי איז דאס ביי זייא געװען א פלא גדול זייא האבן ניט פרשטאנען װאס דאס איז :

זיי װענן געקומן צום הייליגן רבין רבי ברוך ז"ל און האבן אום געזאגט רבי די זאך איז ביי אונז א פלא דר דאזיגר איז א שכור גרול און א גרוסער בוזי מיר האבן געפרעגט זיין הנהגות פון אצונד און פון פריער האבן מיר ניט געפונען קיין דבר טוב . און כמעט קען ער ניט דאװינען און ער דאװינט ניט . צום סוף האבן מיר געזעהן די װינדערליכע זאך און אזוי װי ער הט ארוס געזאגט אזוי איז געװארן װאס איז דאס :

דר הייליגער רבי רבי ברוך זאגט צו זיי איך װעל אייך דר ציילן דעם כח פון א מצוה . דר מענש איז געװען א גרוסר סוחר ער הט געהאט א גרוס געװעלב מיט סחורה און איז זייער א שיינר מענש װאס מען זעהט ניט אזוי געשװינד. א מאהל איז ער געקומען צו א גרוסע גרעפין די איז געװען א אלמנה. װי זי הט אום דר זעהן איז ער איר געפעלן װייל ער איז זייער שיין געװען. די גרעפין זאגט אוהם איך װיל דיך נעמן פר איין מאן װאס טוג דיר דיין װייב. איך בין א גרוסע גרעפין אלע מיינע שטעט און דערפער װעסטע האבן די װעסט האבן כבוד פון פול שרי מלוכה זיי װעלן דיך האלטן װי א גראף און די װעזט נאך גרעסער זיין פון זייא דורך דיין גרוס חכמה :

דער מענש האט דער גרעפין צו געזאגט ער זאל זייא נעמן נאר בזה האופן װי זאל צום ערשטן מאכן א גרויסן באל. זייא זאל צו זאמן רופן פול גראפן און פירשטן כדי זייא זאלן אום קענן פר א גרויסן גראף. די גרעפין זאגט איך װעל אזוי טון. און זייא האבן בעשלאסן איין טאג װען

דער

# מעשה צדיקים

דער באל וועט זיין זייא וואלן זיך בייערע מכין זיין אוף דעם טאג :

בקיצור דער שיכור הט זיך מכין גוועזן ער זאל נעמן די גרעפין פר אווייב ווארין ער הט זייער גוואלט דעם כבוד המדומה רחמנא ליצלן. נו דעם טאג איז ער גקומען צו דער גרעפין אונ הויף אריין אונ עס איז גוועזן גרויסע שררות אוף דעם באל די גרעפין מיט דעם שיכור מיט די אלע שררות האבן זיך זייער אונטער האלטן אגאנצע טאג אונ אגאנצע נאכט ביז עס איז טאג גיווארן. אונ דער פרוה איז ער ארוס גגאנגן אונ הויף אין קוקן אלדונג ווי איין בעל בית אונטער זיינס. אזו הט ער גיהערט קרעכצן אונ זופצן פון מענשן איז ער צו גגאנגן אונ ער הט זיי גיפרעגט האבן זיי אוהם גזאגט זיי זענן יודן מען הט זיי איין גזעצט תפוס פר ארעטע פון דער דאנרע ווס האבן נישט גהאט צו געבן דער גרעפין אונ זייא זיצן שון לאנג אונ דער תפיסה אונ מען וויל זייא הרגנן בחנם :

דער מענש האט שטארק רחמנות בקומען אויף זיי אונ איז אריין גלאפן צו דער גרעפין אז אונ זייער טאג פון שמחה וויל ער ניט הערין קיין זופצין אונ קרעכצן דארויף זאל זי ארוס לאזן די ארעמע שבוים פרייא. אן געלד. די גרעפין זאגט די קענסט טון ווי אונזר דיינים ווייל אלים קער צו דיר פון אצונד אן אזו הט ער גנומן פערד אונ וואגן אונ הט די שבוים אוף גזעצט אויף די וועגין אונ הט זיי בשלום אהיים גשוקט. אונ האט זיי מיט געגעבן צידה לדרך זייא זאלן האבן אויף דעם וועג פון וואנוט צו לעבן :

נו ווי דער דאזיגר האט גיטן די גרויסע מצוה פון פדיון שבוים אז ער האט מציל גוועזן יודישע קינדר פון טוט. אזו הט אן גהויבן די מצוה אום צו ברענגן אויף דעם הארץ ער האט זיך אן גהויבן מיישב צו זיין ווס וועל איך דא טון איך זאל מונה זיין מיט איין בת אל נכר איך זאל פרפאלין ווערין אייביג אונ גיהנם חלילה. איך וועל דס גוט טון אזוי גרויסע עבירה. ער הט גינומן אוואגן מיט פערד אונ איז אנטלאפן פון דארטן אונ ער איז נישט נכשל גווארן אונ דער עבירה. נו וויא דער האט גיטן צוויי אזאלכע גרויסע מעשים טובים. ערשטנס די מצוה פון פדיון שבוים

וואס

# מעשה צדיקים

יואס ער האט באמת מציל געווען עטליכע יורושע נפשות פון דעם טויט צווייטנס די תשובה שלימה וואס ער האט געהאט אויף דעם וועלכן אורט מיט דער וועלכער אשה אז ער איז חלילה נישט נכשל געווארן. אזוי האט מען געמאכט אפסק ביים בית דין של מעלה אז וואס ער וועט פארלאנגן זאל מען אום הערן און מען זאל פאלגן אלע זיינע גזירות:

דעמאלט איז געווארן א גרויסער רעש און דער פמליא של מעלה און דער מדת הדין האט אויף אום מקטרג געווען דורך זיינע אברוגע הנהגות אז ער זאל ווערן איין שיכור ברי ער זאל ניט וויסן וואס מען דארף אויף דעם עולם מבטל צו זיין די גזירות פון דעם בית דין של מעלה:

דער היילגער רבי רבי ברוך ז"ל פירט אום און זאגט ווייל עס איז באמת איין סכנה גדולה מען זאל גיין צו אום ער זאל מבטל זיין די גזירות פון ב"ד של מעלה חלילה נאר אבער דאס איז איין צרה גדולה וואס רעדט אן דעם כללות ישראל אובער דעם האב איך גמוזט שוקן צו אום:

פון דער מעשה קאן מען לערנן צו וויסן ווי גרויס עס איז דער כח אפילו נאר פון איין מצוה אז מען קאן פולן אלדוס גוטס השי"ת מיט זיין גרוס רחמנות זאל העלפן מיר זאלן קאנען טון מצות און מעשים טובים אמן:

# מעשה נפלא

## מהרב הצדיק וקדוש עליון מוהר"ר הירש ליב אליקר ז"ל זי"ע.

צווישן די חסידים פון דעם רבי ר' הירש לייב אליקער איז געווען איין יונגער מאן א גרויסן גבירס איין איידים. עס איז געווען זייער ווייט פון דער שטאט אליק וועכצוג מייל. נאך ראש השנה ווען ער האט געזעגנט דעם עולם און דער חברה איז דער יונגער מאן אויך געווען. ביים געזעגנין זאגט דער רבי צו דעם. יונגן מאן השי"י זאל דיר בשערין איין אורט ווי די זאלסט

זיין

# מעשה צדיקים

זיין אונ ער זאל דיר מזמין זיין די פרנסה דער יונגר מאן איז זייער דערשראקין גיווארין פון די ווערטר וויל ער האט גיוואוסט אז זיינע ווערטר זיינען ניט אומזיסט. ער איז גיוועזין איין גבירש איין איידום אונ ער האט בעצמו אויך גיהאט פיל טויזנטר מזומן אונ צום סוף וויינט ער אום השי״ת זאל אום מזמין זיין איין אורט אונ זיין פרנסה. דער יונגער מאן האט זייער פיל איבר גיטראכט. נאר איבר די חברה חסידים וואס זענין צו זאמין גיפאהרין דאבין אום אומגיהר אונ דא בין גישמועסט חסידות אונ דברי תורה. דער וויל זענין זיי גיפארין אונ איין דארף ווייט פון אליק זענין זיי גיקומן אונ קרעטשמע אריין אונ דארגין זיך מפלפל גיוועזן אונ בייא די אלע דיבורים האט דער יונגר מאן הביר גוגר גוועזן ווייל דער יונגר מאן איז גוועזן א תלמיד חכם גדול אונ אגר כר ירא שמים. דאדורך האבין זייא אום אלע גיהערט אונ מסכים גיוועזן צו זיינע דיבורים:

פון ווייטנס איז גיוועזן דער רינדר מיט דעם ווייב אונ האבין צו גיקוקט ווי אזו די חסידים זענין זיך מפלפל. אזו האט דער יונגער מאן נושא דין גיוועזן ביידם רינדר אונ דער רינדר זאגט צו צו זיין ווייב זעהסטו דער יונגער איז וואולר פון דער גאנצר חברה ער האט איין מויל אונ ער זאגט זייער זיסי ווערטר. ווייסטו וואס איך וויל אום געבין פר א מלמד צו די קינדר די יונגלוך:

דער רינדר הייבט זיך אויף אונ גייט צו דער גאנצי חברה אונ ער זאגט צום יונגן מאן. די גיפעלסט מיר בעסיר ווי די גאנצי חברה זיי בייא מיר אונ שטעב אמלמד זאלסט לערנין מיט מיינע קינדרלך. דער יונגער מאן דער חסיד איז באמת דערשראקין גיווארין ווי ער האט גיהערט וואס דער רינדר שלאגט אום אן. ער האט זיך דערמאנט די ווערטר פון זיין רבי דעם אליקר ז״ל וואס ער האט אום גיווינטשין השי״ת זאל אום מזמין זיין אורט מיט פרנסה. האט ער זיך בירעכנט אז דיא ווערטר פון דם רינדר פאסין זיך צו יענער ווערטר פון זיין רבי דם אליקר ז״ל וואס ער האט אום גיווינטשין השי״ת זאל אום מזמין זיין איין אורט מיט פרנסה. האט ער זיך גיט בערעכנט אז די ווערטר פון דם רינדר זענין גליך צו יעני ווערטר פון דם רבי:

ער

ער איז צו טושט גווארין ער הט ניט גיוויסט ווס הש"י מיינט מיט אום צום ערשטין הט ער גיזאגט אז ער וויל ניט ער איז איין גבירס אקונד . נאר דר רינדר הט אום זייער מפציר גיוועזן אונ ער הט אום גזאגט מי יודע ווס עס טוט זיך ביי אייך אונ דר היים . עס איז נאך פון אייער היים ווייט אונ די קעלטין נעמין זייער גרוס זייט דא ביי אונז איבר דעם ווינטר לעת עתה מיר ועלין אייך געבין איין גוט אורט צום וואנין . אונ מיר ועלין אייך געבין ווס איר דארפט . אזו הט זיך דר יונגר מאן מיישב גיוועזן אונ ער הט גזאגט איך זעה אז עס איז מן השמים אז איך זאל דא ווינטר האלטין דר רבי הט אזו גמיינט נוא איך וועל דא בלייבין נאר איר זאלט מיר געבין איין עקסטערו שטיבול איך זאל האבין אמקום מנוחה צום לערנין . איך וועל ווארטין אויף די הילף פון הש"י אונ וועל זעהן דם סוף ווס זיין הייליגר נאמין מיינט מיט מיר:

נוא דר יונגר מאן איז גווארין מלמד ביים רינדאר . אונ ער הט גפרובט דם רינדרס קינדר ווי פיל זיי קענין כדי ער זאל וויסן ווס צו לערנין מיט זיי ער הט זיי גפרובט גמרא חומש מיט רש"י האבין זיי ניט גקאנט אזו הט ער מסכים בדעתו גוועזן צו לערנין מיט זיי נאר חומש מיט רש"י אונ אפיסל אונ קליינוס שלחן ערוך אונ ספרי מוסר כדי ער זאל זיי לערנין יראת שמים אז זיי וועלין ניט קענין לערנין . אונ דר יונגר מאן הט אזו גיטון ער הט גילערנט ראשית חכמה אלע טאג מיט גרוס פייער אונ מיט התלהבות:

דר יונגר מאן הט זיך גפירט דרטין מיט גרוס צדקות אונ פרישות ער הט גידאווינט אונ גילערנט מיט גרוס יראת שמים . אונ אויך מיט די קינדר הט ער גילערנט באמונה . אונ דארורך איז ער זייער געפעלין דם רינדר הט אום ליב גיהט אונ דארורך הט ער זיך תמיד גשטעלט אונטער הערין ווי ער דאווינט אונ לערנט אמאל הט ער זיך גשטעלט אונ דר טיר הט ער גהערט ווי ער לערנט ראשית חכמה ווי אזו אמענש דארף זיך צו היטין אונ קדושת הזיווג בפרט זיך צו היטין פון בעילות אסורות מען זאל ח"ו ניט מזנה זיין מיט קיין נבריות . אונ דר חטא פון דעם ווס ער איז מזנה

# מעשה צדיקים

מיט איי גויה איז זייער גרוס אז מען איז פוגם און ארגע עולמות און מען קאן
פרפארין ייעדין אייבונג און גהנם וכדומה וואס דארטין שטייט געשריבן. ווי דער
רינדאר האט דר הערט די ווערטער זאגין אום די ווערטער גגאנגן און הארץ
אריין און דם הארץ האט ביי אום גברענט ווי איין פייער און ער האט גיצוטערט
און גפלאטערט. איז ער אריין גגאנגן און שטוב אריין צו דם יונגן מאן און
ער האט גזאגט צו זיינע קינדער זיא זאלין ארוס גיין ער דארף עפים צו רעדין
מיט זייער רבי:

די קינדער זענין ארוס גגאנגן אזו זאגט ער צו דעם יונגן מאן: מיין קינדר
די ביסט אחסיד אצדיק און איך בין ארשע. איך בין דר וואס די האסט דא
גיהערט און דם היילגן ספר איך האב עובר געווען אויף דם אלים און איך
האב פוגם גוועזן און ארגע עולמות איך האב מזנה גוועזן מיט אנבריות. מיין
עבירה איז גרוס אן שיעור און אן זרך ים איז צו טון, ווייא איז צו מיר און
ווי איז צו מיין נשמה וואס גיט מען זיך פר איין עצה. גיב מיר איין עצה צו
מיינע ביטרע חטאים. דר יונגר מאן דר חסיד ענפערט אוהם מיר ווערין ביידע
פארין קיין אייק צום רבי ר' הירש ליב ז"ל ער וועט דיר העלפין צו דיינע
צרות. די וועסט גהאלפין ווערין בלי ספק אם ירצה השם:

דעמאלט איז גוועזן ביי נאכט אום חודש טבת וואס די נעכט זענין זייער
גרוס און עס איז גוועזן זייער גרוסע פרעסט און זייער פיל שנייא אז מען
האט ניט גקאנט פארין פר העלט און זארוואחעס. דר רינדאר וועגין זיינע
גרוסע צרות איז גוועזן ביי אום יעדע רגע א יאהר גרוס. דארוף האט ער
גזאגט צו דם יונגן מאן אז תיכף ביי נאכט וויל ער פארין ער קאן זיך ניט
אויף האלטין קיין רגע. דר יונגער מאן האט ניט גוואלט פארין ביי נאכט ער
האט אום גזאגט ער קען זיך ניט איינשטעלין זיין לעבין עס איז אויף דם וועג
סכנות נפשות פון דר גרוסר קעלט מיט די זאווראחעס דארוף וועלין מיר
פארין ערשט און דר פריה:

דר רינדאר זאגט צו זיך ווער וועט מיר העלפין דר אליקר צדיק מיינע
עבירות זענין גרוס אן שיעור און אן סוף. איך וועל גיין ביי נאכט און וואלד

אריין

# מעשה צדיקים

אריין אונ ביי דר לבנה וועל איך תהלים זאגין אונ וועל ויינין אונ קלאגין אויף מיינע יארין וואס איך הב אזו פול גיזונדיגט אז דר פגם איז אונ אלו וועלטין איך וועל וויינן אונ קלאגן ביז זיין הייליגר נאמין וועט אויף מיר רחמנות האבן אונ וועט דר הערן מיין תשובה :

נוא דער רינדאר איז גיגאנגין אונ וואלד אריין צווישין די ביימר אונ האט אן גהובין מיט גוויין אונ קלאג אונ דאס וויינין איז אלע מאל שטארקער געווען אונ עס איז גוועזן אגרויסר פראסט אז די טרערין זענין ביי אים אויף דעם פנים דרפרורין גווארין אונ ער האט אן גהובין דרפרורין צו ווערין . ער הט אבר דם ניט גוואלט הערין וואריין ער הט אויף זיך מקבל געווען מסירת נפש ער זאל לאזין דיא נשמה אונ ער וויל ניט אויף הערין צו זאגין תהלים אונ צו וויינין אויף די גרויסי חטאים . נארפאבר די קעלט איז אלי מאל גרעסר גיוועזן אונ דער רינדאר איז אונ וויינין דערפרוירין גווארין אונ איז גישטארבין דארטין אונ וואלד צווישין דיא ביימר . אונ גרויס תשובה בבכייה וויללה :

אונ דר פרוה ווי עס איז טאג גווארן זענן גגאנגען צוויי בני עכו״ם אונ וואלד אריין זיי זאלן נעמן האלץ פון די גרויסע ברעכם האלין ווס ליגט אונ וואלד . אזו איז גפאלין דם האלץ אויף די צוויי בני עכו״ם אונ זענן גהרגית גווארין נעבין דם רינדאר ווס איז גשטארבין פון דר קעלט ווען ער הט גיזאגט תהלים :

אונ דר פרוה ווי עס איז גרוס דר טאג גווארין זענין די שטוב מענשין אויף גשטאנין האבן זייא גזוכט דם בעל הבית אונ האבין אום ניט געפונן . אוך דר מלמד דר חסיד הט אום גיזוכט אזו איז ער גיגאנגן אונ וואלד אריין זוכן דם רינדר . וואריין ער הט גוויסט ווס מיט אום הט זיך פאסירט . אזו הט ער גזעהן ווי דר רינדאר ליגט טוט . אוך די צוויי קליינע קונדר ליגן דארטין טוט אזו איז זייער אובר גשראקין גווארין אונ האט גהאט גרוס פחד אז מען זאל זיך ניט זוכן בלבולים אויף אום . אז ער הט גהנהגות די מענשין :

# מעשה צדיקים

אזו איז ער אנטלאפין צום רבין. קיין אליק אונ ער הט אוהם דערציילט וואס עס הט זיך מיט אום פאסורט פון אן הייב ביז צום סוף ווי אזו דער רינדאר הט דער הערט די דברי מוסר פון דם ראשית חכמה אז ער איז אום געגאנגן פר צרות אונ ער הט גיטון תשובה מיט גרוס מסירות נפש אונ ער איז גשטארבין פון וויינן אונ שרייאן. אויך הט ער דערציילט אז צווי קונדער זענן גהארגות גווארין נעבין דם רינדאר אונ דאדורך הט ער זיך זייער אובער גשראקין ווארין ער הט מורא באקומן מען זאל זיך קיין בלבולים ניט זוכן אויף אים: ויאמר הרב הקדוש זאגט דר הייליגר רבי רבי הירש לייב צו דעם יונגן מאן. מיין קונד איך קאן דיך שון אצינד וויא דיין דונסט איז גרוס אונ די דרכי עבודה צו השי"ת אז דיא מיינסט גאנץ ערונסט אן פניות אונ אן מחשבות רעות. איבר דעם האב איך די גשוקט אוף דעם אורט בדי דיינע ווערטר זאלין אונ זיין הארץ אריין גיין (דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב) ווערטר וואס גיין פון איין הארץ ארוס גיין אונ איין הארץ אריין: אונ דם נפש פון דעם רינדאר איז שיער פערזונקין גווארין בעומקא הקליפות דאדורך האב איך דיך גשוקט די זאלסט דם נפש מישראל ארוס ציהן אונ מציל זיין פון דם שאול תחתיי אונ די זאלסט אום ברענגין ער זאל טון תשובה שלימה. אונ גלויבט איך זיין ליבר נאמן אז די האסט זוכה גוועזן צו ברענגן איין ישראל צו תשובה שלימה אונ די זאלסט וויסן אז זיין תשובה איז גוועזן מעומק הלב אזו ווי די זאלסט וויסן אז זיין תשובה איז גוועזן מעומק הלב אזו ווי דיא גמרא ברענגט פון איין בעל תשובה אז ער הט גלייגט דעם קאפף צווישן די פוס אונ הט גוויינט אונ איז גשטארבין מיט תשובה שלימה:

נאר די זאלסט וויסן אז דר רינדאר הט גהאט צוויי לעבדיגע ממזרים דאדורך איז גווארין אגרויסר רעש אונ הומעל וואס העלפט די תשובה אז די ממזרים לעבין נאך אזו ווי עס שטייט אונ דר הייליגר גמרא: (מעוות אשר לא יוכל לתקן) איין פעלר וואס מען קאן נישט פרעכטין איז (הבא על הנכרית והוליד ממזר) אז איינר איז גוועזן ביי איין נכריות אונ ער הט גהאט איין ממזר פון איר. ווארין אז דם ממזר לעבט איז דר פלעק תמיד

# מעשה צדיקים

פר די אויגן. נאר אבר ווייל ער הט גטין תשובה שלימה מעומק הלב און ער איז געווען אבער תשובה גדול וואס עס איז נאך אזייא בעל תשובה ניט געווען דארורך הט מען גימאכט אפסק גדול ביים בית דין של מעלה די ביידע קונדר זאלן גיהרגות ווערין כדי ער זאל קאנן האבן איין תיקון. און עס איז אזו געווען ווי די צוויי בני עכו"ם ממזרים זענין נאר גהרגות װארין. איז גיגאנגן די נשמה למעלה למעלה בגן עדן העליון:

אצונד מיין קונד פאר אהיים צו דיין ווייב און קונד דיין שווער איז איין גרויסר גביר און דיין גאנץ בני בית זענין גרויסע עשירים און זאלין זיך און האפין אויף דיר און זענין אלע בשלום אן איין מבשול ח"ו. השי"ת זאל זיך מרחם זיין אויף אונז מיר זאלין אלע קאנין מתקן זיין דעם שם און שורש העליון מיר זאלן קאנן זוכה זיין צו טון תשובה אמן סלה:

ב"ה

# סיפורים נפלאים

וואונדערליכע מעשיות פון די צוויי הייליגע ברודר הצדיקים המפורסמים הקדושים מוהרר אלימלך ז"ל. ומוהרר זישא ז"ל. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

דר רבי ר' זישא ווען ער איז נאר געווען איינגר מאן איז ער שון געפארין צום הייליגין מגיד דר רבי ר' בער ז"ל פון מעזריטש. און ער איז געווען איין גרויסר חסיד וואס ער איז תמיד געווען פלאם פייאר און די דרכי עבודה צו השי"י. און דר רבי ר' זישא פלעגט זיך בהלטין און וועלדער און בהעלטיגישון און ער הט דארטין גיזאגט שירות ותשבחות פון דוד המלך מיט גרוס התלהבות אז כמעט הט מען אויף אום גיזאגט אז ער איז ניט ביים שכל ווייל ער איז תמיד גיוועזן פרטראגין און דבקות צו השי"י. און ועגין זיין גרוס השתוקקות צו דונין זיין הייליגין נאמין. זיין ברודר דר הייליגר רבי ר' מלך ז"ל איז נאך ניט גיוועזן קיין חסיד ער הט נאך ניט וויסט פון דעם גאנג פון דעם הייליגין בעש"ט ז"ל. און ער הט גלערנט תורה בהתמדה אזו ווי דר שטייגר פון לומדים. און ווי ער הט געזעהן זיין

ברודר

# מעשה צדיקים

ברודר רבי זושא גייט אום בשטענדיג פרטראכט אזוי ווי דיר איז ער גגאנ
פרעגין דעם ברודער אונ ער האט צו אום געזאגט ברודער לעב ווס פידרכ
די דיך ניט ווי יעדער מענטש ווס גייסטו אום אזי ווי דול באלד לופסטו א
וואלד אריין באלד אונ איין בהעלטעניש אריין תהלים זאגין. בעסור זוא
דא אונ לערונסט אונ מען אי אמענטש ווי יעדר מענש איז:

דר היילגער רב זושא זאגט צו אום איך וועל דיר דר ציילין א
ווינדערליכע מעשה כדי די זאלסט וויסן אונ פרשטיין ווס דס איז. אונ א
מדינה איז גוועז אמלך גדול אגרויסר חכם אונ אגוטער מענש ווס זיין גאנ
מדינה הט אום זייער ליב גהאט דורך זיינע ווינדערליכע זאכן אונ ההנהגות
עס איז גוועז אונ דר מדינה איין בעל מלאכה, ער הט קיין קונדר ניט גהא
ער איז גוועז איין גרוסר עושר ווס ער איז פון זיין מלאכה רייך געווארן

אמאל הט זיך דר בעל מלאכה בדענקט ווס נוצט מיר אזוי פול געל
ווס פאר איין נוצן האב איך דאפון קונדר האב איך נישט אוך קיין אנדר
תענוגים האב איך אוך נישט ליב ניט. צוא דוליין ניט צו פרעסין ניש
אנדרע תאוות נאר דס שטיקל ברוט אזוי ווי יעדר מענש דארף נוא
ניצט מיר דס געלד אז איך האב דר פון קיין הנאה ניט. אונ קיין שו
תענוג ניט. ער הט זיך מיישב גוועזן אונ הט פרקופט זיין אלע זאכין פ
מעביל אונ קליידר אונ איז גפארין אונ דר רזידענץ שטאט דארטין ווי דר
מלך וואוינט אונ ער איז גוועזן בדעה דס גאנצו פרמעגין צו שפרוצין, ער זאל
קאנין ווערין איין קאמער דינער ביים מלכות כדי ער זאל קענין אלע מאהל
דעם מלכות זעהן אונ ער זאל קענין תענוג האבין פון זיינער מייעסטעט

ער האט אזוי גיטאהן ער האט צו צשפרענגט דאס גאנצי פארמעגן
צווישן אלי פורשטן אונ צווישן די שרי מלוכה אז זייא זאלן אים זעה
איין שטעלע ביים מלכות. עס איז אבר דעמאלט ניכט גוועזן קיין שום
שטעלע ליידיג, נאר עס הט גפעהלט איינר צו הייצן דס אובן פון דם מלך
אזוי האבן זיי אים גזאגט אז עס איז קיין שום שטעלע ניכט-ליידיג, נאר איי
שטעלע צום הייצן דעם אובן פון דעם מלכות: דער בעל מלאכה א

וויל

# מעשה צדיקים

ה מישב וואס איז מיר פאר אחיליק: די שטעלע אדער איין אנדרי שטעלע איך מיין ניט קיין שום אנדרי כוונה נאר ווייל איך האב ליב דעם מלכות איבר דעם וויל איך איהם בארינגן ניא וואס איז מיר פאר אחיליק אביא איך וועל איהם קענן בארינגען איך האב איהם ליב בתכלית אהבה איך [ווי]ל איהם דינן מיט דעם גאנצן הארץ איך וויל איהם אן טיהן נחת איך האב מיין גאנץ פאר מעגין פאר שפריצט דארך דעם מלכות איך האב איהם וויער ליב גיהאט גוא אצינדר וועל איך געבן ווי פיל מען וועט דארפן [צ]ו געבן מען זאל מיר די שטעלע תיכף געבן צו היטן דעם אובן איך וועל דינן דעם מלכות מיט מיין גאנצן כח:

בקיצור עס איז אזו געוועזן ער איז גווארן איין הייצר ביים מלכות. אונ די אלע זאכן זענין געווען אונטר זיין האנד דאס האלץ אונ די קולן דער [ג]לייכן דער בעל מלאכה האט געהייצט דעם אובן האט ער גיטראכט אז דיא חיטץ זאל זיין גאנץ גימעסונגט ניכט קאלט ניכט הייס ניכט קיין סמאנט נאר איין ריינע זעטיגע ווארם דורך האט ער צו גלייגט דיא אוערן צום לאך פון דער טיטר כדי ער זאל הערן אונ דער מלכות האט איין הנאה פון דער ווארים הכלל ער האט אמאל גיהערט ווי דער מלך זאגט עס איז הייגט איין גוטע זעטיגע ווארם אזו האט ער זיך דערפרייט אונ ער האט דאס האלץ גיוואוגין אונ גימאסטין אונ ער האט איין גאנצן טאג נאר גיארבייט גיהיפלוויט אונ גימאסטן כדי דיא עטליכע שטיקלך האלץ זאל גלייך זיין עס זאל ניכט זיין איין טאג מעהר האלץ פון דעם אנדרן טאג יעדן טאג גלייך כדי עס זאל זיין די ווארם גיט איין טאג וויא דער אנדרע:

דער מלכות האט אמאהל במערקט ווי דיא ווארם איז גימעסונגט אלע טאג גלייך עס איז קיין שום ריח קיין שים סמאנט נאר איינע ווארם האט זיך דער מלך גיוואונדרט אונ ער האט פאר זייני מיניסטרים איבר גיחזרת פון דעם. דער מיניסטר ענפרט איהם אונ דער צייהלט איהם דיא גאנצי מעשה אז ביים מלכות אונ דער מדינה איז דא איין אונטר

פאהן

# מעשה צדיקים

פאהן וואס ער האט ליב דעם מלכות איין אהבה רבה אזוי דארף דער
אהבה האט ער זיין גאנץ עשירות צו שפרוצט אונ איז גקומן אהער
זוכן אשטעלע ער זאל קענין בעדינן דעם מלך אונ וויא ער איז גקומן
אהער זיין אשטעלי ער זאל קענן באדינן דעם מלך אונ וויא ער איז
אהער גקומן איז קיין שום שטעלע ניכט געווען נאר צו היטצען אונ אוכן
זאר ער האט אבר דיא שטעלע באהבה אן גינומן . אונ ער שטייט פון
אז דער פריה . ביז אונ דער נאכט אונ ארבייט ער זאל צו פאסן עטליכע
שטיקלך האלץ וואס דארורף זאל זיין איין גימעסונגט ווארם : דר דאזיגר
מענטש האט ניכט קיין שום כתב לשון נאר דאס הארץ איז נאר פאן
מלך איידר דעם האבן מיר אים דאס עסק גגעבן אונ ער טראכט נאר
וויא אזוי צו מאהן איין פארגניגן אונזר האר אדוני המלך :

וויא דיזר מלך האט גיהערט פון דעם גרוסר אהבה וואס דר מענטש
האט צו אים . האט ער בפוילין אז ער וויל דער מענטש העגין ער וויל
זעהן דעם אוהבנאמן זאל ער זיין וואס פאר איין מענטש ער וויל צו איין
מיניסטר צו איין איידר דינער אז ער האט מיך אזוי ליב וויל איך איהם
קיינין . אזוי האט מען דיזס הייצר גיבראכט פאר דעם מלכות אונ דער
דינער איז גישטאנין פאר דעם מלכות מיט גרוס פחד . אונ דאס הארץ איז
גיווייזן פיל מיט אהבה צו דעם מלך . דער מלך האט זיך מיט איהם
איך גפרייט אונ ער האט איהם גפרעגט: וואס ווילסטו איך זאל דיר
שענקין וואס די פארלאנגסט וועל איך דיר מין . דער דינער ענפרט אים
הערן עשירות אונ קיין שום גדילה וויל איך ניט איך האב גיהאט גרויס
עשירות אונ זאר דם גרויסן פארמעגין אונ זייער פיל גאלד אונ זילבער
אונ דס אלוס האב איך צו שפריצט ווייל איך האב גיוואלט באדינען
אדוני המלך . מיין גרעסטר תענוג אוז אז איך זעה דאס לעבטיגע פנים
פון אדוני המלך : אונ ווען אדוני המלך וויל מיר טואין גיטס זאל ער
מיר נאר געבין רשות אז איך זאל קענין זעהן דם פנים פון אדוני המלך
ווען יס וועט מיר אן קומן דער חשק אונ די אהבה וועט ברענגין אונ מיר

ואדני

# מעשה צדיקים

ארני׳ץ המלך איך זאל מיך קאנין מיט דעם דר קוויקין אונ דאס פייער צוא שטילין ׃

ווי דר מלך הט דר הערט פון דר גרוסר אהבה וואס דר דינר הט צו אום הט ער זיך מיט אום גפרייט אזו ווי מען פרייט זיך מיט איין אוהב נאמן עס איז אום אבר זייער לייד געוועזן ער זאל אום ממלא זיין דעם רצון ער זאל קאנן צו יעדר צייט זעהן דעם מלך ווייל עס איז אבוטה פר א מלכות ער זאל זיך ווייזין פר זיינע אונטער טאהנין אונ קנעכט אלע מאל ובפרט איין נודרוגר מענש וואס ער הט ניט קיין כתב ולשון ער זאל זיך יעדר רגע זעהן מיט דעם מלכות דס איז ניט פון די ניכוכי המלוכה ׃

אזו ענפרט אום דר מלכות דס איז ניט מעגליך צו לוב צו טוהן ווייל דס איז נישט פון די נימוכי המלוכה . איך וועל דיר ערלויבן די זאלסט דיר אום בורין איין לאך וואס דס לאך זאל זיין גיין צו מיר אונ שטוב ארייך אונ די ווענט אריין זעצון איין גלאז וואס דאדורך וועסטו קענין זעהן מיין פנים ווען די וועסטו ועלין דורך דעם פרגרעסערונגס גלאז אונ קיין מענש וועט נושט זעהן ׃

דר מענש דר בעל מלאכה הט זיך זייער דער פרייט מיט דס וואס דר מלך הט אום בוויליגט ער זאל קאנן יעדעס מאל דעם מלכות זעהן אונ ער הט זיך גבוקט אונ גנייגט פר אום . אונ דר מלך איז גגאנגען אהיים אונ דר דינר איז גגאנגן אוף זיין ארט אונ הט זיך אריין גשטעלט איין פרגרעסערונגס גלאז אונ איין לאך ווי ער וועט קאנין דעם מלכות גיט אן קוקון . אונ דער דינער הט זיין זאך ווייטר גוטון מיט שמחה ער זאל אנחת טון דם מלכות אונ צו יעדע צייט ווען עס הט אונ אום גוברענט די אהבה פון דם מלכות איז ער גלאפין אונ הט אריין גקוקט צום מלכות דורך דעם פרגרעסערט גלאז אונ ער הט זיך דר קוויקט מיט דעם ליכטונג פנים פון דעם מלכות ׃

אמאהל הט דר מלכות גמאכט אגרוסע סעודה פאר אלע גרוסע לייט אונ פר די שרי מלוכה אונ זיין מיירר זון איז געווען צווישן דעם עולם .

# מעשה צדיקים

דר שפוצע. אונ כוטן דר סעודה אז דר בן המלך הט גוטרונקן וויין הט ער אן גיהובין צוא רעדין ווערטר ניט מיט שכל ער הט גרעט אונ ער הט ניט גיוויסט וואס ער רעד. דר מלך איז מבויש גיווארין אונ עס הט אים זייער גקרענקט אז זיין זון זאל רעדין אן שכל דאדורך הט ער אים פרטריב פון דעם טיש אונ ער הט גגעבין איין בפעהל אז צוועלף הרשים זאל ער נוט זעהן דס פנים פון דעם מכות כדי ער זאל וויסן אז מען זוכט פר אמלכות כוז מען פארכט האפן חטשע ער איז אפאטר אוך דר בן המלך האט זייער גבענקט ער הט גוואלט זעהן דס לעכטיגע פנים פון זיין פאטר דעם מלכות. עס איז אבר ניט מעגליך גוועזן וייל זיין פאטר הט ניט גוואלט בשום אופן:

דעם הייליגן אפטר רב ז"ל הט זיך גיטראפן עס איז גיקומן איין גבירה מיט אקוויטל וועגן אבקשה: די גבירה הט אבר מזנה גיוועזן. אזו ווי זיא איז נאר גיקומן אויף דר שוועלל גיט ער איינזאג ארויס די זונה פונמיין שטיב דיא אשה ענפירט אים מקירות הלב. דר בורא עולם איז איין ארך אפיים צו רשעים ער צאהלט זייא נישט גישווינט אוך איז ער זייא נישט מגלה פאר די מענטשין כדי זיי זאלן ניכט שעהמן זיך צו טוהן תשובה אונ ער ווארט זיי ביז זיי טוהן תשובה. אונ דר אפטר רב זוצט אויף דר עמיהל אונ קען זיך ניכט איין האלטן ער זאל ניכט מגלה זיין דס וואס דם בורא עולם העלט צו אזו הט דר אפטר ז"ל גיזאגט די אשה הט ביך גיט מנצח גיוועזן. פון די מעשיות איז צו לערנין ווי אזו מידארף צו האבן אהבת ישראל אז מע זאל יעהן יודיש האבן ווי זיך אליין מען זאל אים אויס העלפן מיט געלד אונ מיט איין גאנג. אונ צו טראכטין מען זאל אים ברכנגין ער זאל טוה תשובה שלימה אונ השי"ת זאל אונז אלע העלפין צו הצלחה גדולה א צו יראת שמים אונ מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן